# שבת קודש "כי היא מקור הברכה"

## דרשה בסעודתא דעתיקא קדישא – שב"ק בהר בחוקותי תשפ"ו – בעיר צאנז

## בצילו של כ"ק אדמו"ר מבורשטין שליט"א

ב"ה

ברשות כ"ק רבינו שליט"א, ברשות כל הקהל הקודש הזה.

יראתי בפצותי שיח להשחיל.

באמת, איך האב א שטארקע אימתא דציבורא הציבור זיך אויפצושטעלן דא רעדן אויף אזא הייליגן מקום. אז מ'טראכט אריין די בחינה פון עולם, שנה, נפש, וואו מיר געפונען זיך דא, בעיה"ק צאנז, ממש אין די ד' אמות פונעם ציון פון קודש הקדשים דער הייליגער **דברי חיים** זי"ע, צוזאמען מיט אזא הייליגן געהויבענעם ציבור, מיטן רבי'ן שליט"א בראש.

**וענית ואמרת שאינך כפוי טובה**

באמת, ווען הרה"צ ר' אייזיק שליט"א האט מיר גערופן אינמיטן די וואך און געבעטן אין נאמען פונעם רבי'ן שליט"א צו זאגן אפאר ווערטער שבת אינדערפרי ביי די סעודה, האב איך מתחילה געטראכט "וואס איז שייך צו רעדן בפניו פונעם רבי'ן?! מיר זעען אלע, דער רבי פירט די גאנצע נסיעה מיט א געוואלדיגן כח הנהגה, דער כח התפילה, דער כח הדרוש, דער כח המספר, דער כח המעורר, אז ס'בלייבט נישט איבער קיין איין פלאץ וואו ס'זאל איינעם בייפאלן אז ער קען נאך דא עפעס מוסיף זיין, ער קען נאך עפעס דא צוגעבן, און ער זאל קענען ממלא זיין סיי וועלכע חלל וואס פעלט זיך נאך אויס, נאך  וואס דער רבי זאל זיין געזונט – מיט זיין זעלטענע שלימות אין יעדן ענין – פולט אן יעדן חלל, און ס'איז נישט שייך נאך עפעס דא צוצוגעבן".

מאידך גיסא האב איך געשפירט 'אי אתה בן חורין להפטר', איך בין מחויב אן אמת'ע הכרת הטוב פאר'ן רבי'ן, און פאר מיין לאנג-יעריגער חברותא הרה"ח ר' **זלמן לייב קאפפעל** שליט"א, וואס באמת בזכותו האב איך זוכה געווען צו קירבות ביים רבי'ן, ווען במשך אלע יארן פריער, מיט צענדליגער יארן צוריק, האב איך סך הכל געזען און געהערט, זאל דאס זיין מיט 35 יאר צוריק אין וויליאמסבורג אין שטוב פון הרה"ח ר' מנחם גרשון לעבאוויטש הי"ו, צי אין קרית יואל אין שטוב פון הרה"ח ר' ברוך מרדכי אקערמאן הי"ו, אבער נישט מער.

בזכותו פון ר' זלמן לייב, האב איך די לעצטע זיבן יאר זוכה געווען צו מער א פערזענליכע התקשרות, מער שייכות, אזוי אויך נהנה צו זיין פון די הערליכע ספרים וואס דער רבי האט מיר געגעבן.  ביי מיר אין שטוב ווייסט מען אז פרקי אבות פרק א' ב' נעמט אסאך לענגער ווי די אנדערע פרקים, ווייל דעמאלטס לערנט מען פאר פון דעם רבינ'ס ספר אויף פרקי אבות...

אויך יעצט דא ביי די נסיעה האט מיך ר' זלמן לייב אהער געברענגט, און מיר זענען מיר אזויפיל נהנה פון דעם ליכטיגן אור, די ווארימקייט, די געהויבנקייט, די התעוררות ביי די מקומות הקדושים, די ליכטיגקייט פון דעם שבת מעין עולם הבא, אז ס'איז פשוט מדין הכרת הטוב אז מ'טאר נישט אפזאגן.

אבער וואס קען מען רעדן?!

האב איך געקלערט, איין זאך איז דא אין די היינטיגע וועלט, ווען יעדער מאן דהוא איז בארעכטיגט זיך אויפצושטעלן, און יעדער איינער מעג זאגן וואס ער האט צו זאגן, דאס איז וואס מ'רופט עס היינט א "**פערסאנעל סטאָרי**", ווען איינער קומט און זאגט ער האט צו פארציילן עפעס פערזענליך, דאן איז יעדער איינער א מאן דאמר, ווייל סך הכל, וואס איז זיין רשות הדיבור? ער פארציילט עפעס וואס א צווייטער האט נישט וואס צו זאגן, ער רעדט 'פערסאנעל' פון זיך אליין.

האב איך געקלערט אז איך קען קומען מיט א 'פערסאנעל סטאָרי' און זאגן וואס ס'איז דא צו זאגן.

**דער הייליגער דברי חיים ווייסט וואס מיר בעטן**

איך וואלט מקדים געווען א מעשה'לע.

ס'איז מעגליך ס'וועט איינעם בייפאלן און טראכטן "מיר זענען שוין דא אויף דעם מקום קדוש באלד 24 שעה, און מיר זענען נאך נישט געווען ביים ציון. יעדער איז דא מיט פעקלעך, מיט בקשות, מ'וויל זיך אויסבעטן, און מיר זענען נאכנישט ארויפגעגאנגען אויפן ציון. מיר ווילן ווארטן ביז מוצאי שבת כחצות הלילה זיך צו גיין אויסבעטן".

מ'פארציילט א מעשה אז הרה"ק ר' **הירצקא'לע ראצפערטער זלה"ה** איז אמאל געקומען צו פארן קיין צאנז אויף ראש השנה, און ער האט אינזינען געהאט אז ער גייט זיך מזכיר זיין ביים רבי'ן, אז ער וואוינט בשכנות פון א גוי, און ס'איז אויסגעקומען אז צו גיין אויפן געהעריגן וועג צום בית המדרש מוז ער דורכגיין טאג טעגליך צוויי תיפלות בתי עבודה זרה, און ער האט געשפירט אז דאס שטערט אים צום דאווענען. האט ער זיך געמאכט אזא וועג, א 'שארט קאט', וויאזוי אנצוקומען צום בית המדרש דורך א פעלד פון א גוי בשכנות.

ויהי היום, האט עס דער גוי באמערקט, און דער גוי האט אים געווארנט מיטן לעבן אז ער זאל מער נישט גיין דורך דעם וועג פון זיין פעלד. ר' הירצקא'לע האט זיך פרובירט איינבעטן ביים גוי, אבער ס'האט אים גארנישט געהאלפן. ויהי באחד, דער גוי איז געווען פאר'עקשנ'ט אז ער לאזט אים בשום אופן נישט אריבערגיין.

בצר לו, איז ער געפארן קיין צאנז, און ער האט אין זין געהאט ער גייט מזכיר זיין ביים רבי'ן.

ס'איז געקומען ערב ראש השנה, ראש השנה, ס'איז נישט אויסגעקומען קיין געלעגנהייט ער זאל קענען מזכיר זיין. פאר תקיעת שופר, דער הייליגער צאנזער רב איז געווען אזוי פארקאכט אין זיין עבודה, און ס'איז נישט געווען קיין צייט צו רעדן פון די זאכן. האט ר' הירצקא'לע געטראכט ביי זיך "איך גיי נישט מזכיר זיין". דער רבי ווייסט דאך סיי ווי אלעם וואס מיר פעלט, דער רבי ווייסט מיינע בקשות אפילו אן דעם וואס איך זאל אים עס קומען זאגן, און דער רבי וועט אוודאי משפיע זיין אז איך זאל געהאלפן ווערן מיט א ישועה". און ער האט טאקע נישט מזכיר געווען.

נאך יום טוב ווען ער איז אהיימגעפארן, האט ער געהערט אז ראש השנה אינמיטן טאג האט דער גוי גע'פגר'ט, און ער האט געהאט א ישועה.

מורי ורבותי! וואס זאגט אונז די מעשה?!

מיר זענען אלע דא מיט פעקלעך, און מיר ווילן זיך אלע מזכיר זיין ביים צדיק, און מיר קוקן אלע ארויס אויף די מינוט ווען מיר וועלן ארויסגיין צום ציון און ארויפלאדענען אונזערע פעק און זעק פאר ישועות. אבער אז מיר זענען דא אינעם הייליגן שבת דארפן

מיר וויסן, ס'פעלט נישט אים צו זאגן, דער צדיק ווייסט סיי ווי וואס אונז פעלט, און מיר זענען דא סמוך ונראה צום הייליגן ציון, "**כי ידעתי את מכאוביו**", דער הייליגער דברי חיים זעט אונזערע שוועריקייטן, ער ווייסט וואס מיר ווילן, ער ווייסט וואס מיר בעטן, און מיר זענען דא "בצילא דמהימנותא", און מיר פראוווען דעם הייליגן שבת אונטער די פליגל פונעם הייליגן צדיק, דער הייליגער דברי חיים, עס איז סמוך לבנו בטוח, אז דער שבת אליין וועט אונז שוין ברענגען אלע השפעות טובות, אמן.

## מיר האבן איבערגעלאזט די ווייבער און קינדער אינדערהיים...

צוויטנס – אין א בחינה פון א 'פערסאנעל סטארי' – איך האב אן עלטער-מומע אין וויליאמסבורג, שוין היבש אריבער די בת מאה צו לאנגע געזונטע יארן, איך רוף איר יעדן ערב שבת זאגן '**גוט שבת**'.

נעכטן עש"ק נאכמיטאג האב איך גערופן ווי יעדע וואך זאגן 'גוט שבת', און איך זאג איר אז איך האב גערופן א ביסל פריער ווי יעדע וואך, ווייל איך בין אין צאנז.

זאגט זי מיר "**דו ביסט אין צאנז? דו ווייסט דאך אוודאי אז מיין זיידע זכרונו לברכה האט דאך געהאט די באקאנטע מעשה ביים הייליגן צאנזער רב**". האב איך געזאגט, "אוודאי ווייס איך די מעשה".

די מעשה איז געווען איר טאטע, דאס איז געווען מיין עלטער-עלטער-זיידע **הגה"צ רבי שמואל יעקב ראטה זצ"ל הי"ד**, דער שוחט אין קליינווארדיין. ער האט געמאכט פארשידענע ספרים: "דברי שיר", "שיר חדש", "שיר ידידות", "נזר שיר", "שושנת יעקב". און זיין פאטער איז געווען **הגה"צ רבי משה שמעון ראטה ז"ל, אב"ד דיורא**, דער זון פון **הגה"ק בעל "בית היוצר"**, דער הוסטער רב.

זיי זענען געווען גרויסע, פייערדיגע צאנזער חסידים. פארשידענע וואונדערליכע מעשיות ווערן דערציילט איבער דעם קשר פונעם "**בית היוצר**" און זיין זון רבי משה שמעון מיטן הייליגן "**דברי חיים**".

אין ספר "**שיר ידידות**" (פר' ברכה), דערציילט דער זיידע רבי שמואל יעקב, עס איז געווען איין יאר שבועות ווען זיין פאטער, רבי משה שמעון דער דיורא רב, איז געפארן קיין צאנז.

איז געווען שבועות אינמיטן דאווענען, דער הייליגער דברי חיים קומט צו צו אים אינמיטן דאווענען און זאגט אים "נו"... ביי חסידים האט מען געוואוסט אז דאס מיינט אז מ'דארף מזכיר זיין. ער האט פארשטאנען אז ער זאל זאגן א נאמען, האט ער געזאגט דעם טאטנ'ס נאמען, יואל צבי בן ציפערל. דער צאנזער רב זאגט "עה", נישט דעם נאמען האט ער געמיינט. האט ער אויסגערעכנט זיין מאמע'ס נאמען, דער צאנזער רב האט געזאגט "עה". האט ער געזאגט דעם נאמען פון זיין פרוי, **מרים חנה בת פיגא פעסיל**. האט דער צאנזער רב געזאגט "אה"... און ער האט אנגעוואונטשן א רפואה שלימה.

דער דיורער רב האט דאס געהערט, האט אים געכאפט א פחד. ער איז ארויסגעפארן פון שטוב איז זיין רביצין געווען געזונט און שטארק, ס'האט איר גארנישט געפעלט, און דא פלוצלינג פארשטייט ער אז עפעס גייט פאר.

מ'האט זיך מחזק געווען נישט צו פארשטערן די שמחת יום טוב, אבער נאך יום טוב האט ער זיך געאיילט, זיך שנעל געזעגנט און אהיימגעפארן.

אנקומענדיג אהיים נענטער קיין דיורא, טרעפנדיג מענטשן פון דער שטאט, האט ער זיי געפרעגט "וואס מאכט די רביצין?" קיינער האט גארנישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, מ'האט נישט געהערט אז עפעס זאל פעלן פאר די רביצין.

מ'איז אנגעקומען אין שטאט, די באגלייטער זענען געגאנגען פאראויס צו זען וואס די רביצין מאכט, ער זאל זיך נישט דערשרעקן פון די מחלה, מ'האט אים געוואלט פארברייטן. אבער מ'קומט אן אהיים, מ'זעט די רביצין איז געזונט, ס'פעלט איר גארנישט. ביי יעדן איז געווען א וואונדער פארוואס דער צאנזער רב האט געוואונטשן א רפואה שלימה.

ער קומט אן אהיים, די רביצין ווארט אים אפ, און ער פרעגט וויאזוי איז אריבער דער יום טוב? אלעס אין ארדענונג. זאגט ער "עפעס איז געווען?", האט זי געענטפערט – ער שרייבט אזוי פונקטליך דעם לשון:

**"וואס קלערסטו? עס איז געקומען דער יום טוב, בין איך קראנק געווארן, און די קינדער האבן זיך ארומגעשטעלט ארום דעם בעט און האבן געבעטן צו עסן, און איך האב נישט געהאט קיין כח ארויפצוגיין פון בעט. איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון. האב איך מיך גאנץ גוט אפגערעדט: איז ער א רבי, זאל ער וויסן אז די חסידים לאזן איבער די ווייבער, זאל ער אינזינען האבן אז זיי זאלן געזונט זיין. אזוי האט מיר אנגעהויבן בעסער צו ווערן, איך בין אויפגעשטאנען, איך האב געגעבן עסן פאר די קינדער, און איך בין אינגאנצן געזונט געווארן"**. דעמאלטס האבן אלע פארשטאנען וואס דער הייליגער דברי חיים האט מרגיש געווען ברוח קדשו.

לעניננו.

מורי ורבותי! מיר זיצן דא א ציבור פון נאנט צו הונדערט אידן, מיר זענען געקומען צופארן צום רבי'ן, צום הייליגן דברי חיים אויף שבת. מיר האבן אלע איבערגעלאזט אינדערהיים ווייבער מיט קינדער וואס קוקן ארויס און ווארטן אלע אויף ישועות בגשמיות וברוחניות.

מיר זאגן אלע פאר'ן הייליגן דברי חיים, מיר ברענגען זייער ווײ געשריי:

**"איז ער א רבי, זאל ער וויסן אז די חסידים האבן איבערגעלאזט אינדערהיים די ווייבער, און זאלן אינזינען האבן זיי זאלן געזונט זיין, און אינזינען האבן משפיע צו זיין אלע השפעות טובות".**

דאס איז וואס אונזער בקשה איז דא פון דעם הייליגן צדיק ווען מיר זענען דא דעם גאנצן שבת בצילא דמהימנותא, און מיר זוכן צו פועל'ן רפואות מיט ישועות ונחמות לנו ולכל ישראל.

## והי"ה כי תלכו לא תלכו ריקם

און לאמיר צוקומען צום ענין וואס מיר האבן געוואלט ארויסברענגען, ווי גערופן די "פערסאנעל סטארי".

כ'האב אמאל געהערט א ווארט, "*והי"ה*, עס איז א גרויסע שמחה, **כי תלכון**, ווען מ'גייט אהיים, **לא תלכון ריקם**, זאל מען נישט אהיים גיין ליידיג, יעדער וויל אהיימגיין מיט עפעס אין די האנט, עפעס מיטגענומען פון דעם שבת... (איך האב זיך נעכטן געמוטשעט צו איינ'חזר'ן כאטש איין נייע ניגון צו קענען מיטנעמען אהיים, 'למבצע על ריפתא' איז נישט געלונגען'...)

די מעשה גייט צוריק מיט צוועלף יאר צוריק. ס'איז געווען שבת פאר די יארצייט פונעם הייליגן דברי חיים זי"ע תשע"ד, שבת אחרי קדושים. די יארצייט איז געווען ערב שבת, און א שיינער ציבור האט געוויילט אין צאנז איבער שב"ק, בראש פונעם 'מרא דאתרא' **הגה"צ רבי יואל האלבערשטאם שליט"א**, וואס פון אים האב איך געהערט די מעשה.

שבת אינדערפרי ביי די סעודה האט זיך אויפגעשטעלט אחד מבני החבורה, הרה"ח ר' אברהם יושע פריינד הי"ו פון קרית יואל, און ער האט געזאגט עטליכע ווערטער בקדושת ההילולא קדישא, האט ער דערציילט אז ער האט געהאט אין די נאנטע משפחה א

בחור וואס איז איהם נישט געגאנגען קיין שידוך, און אפילו מ'האט געטון סגולות און פעולות האט זיך גארנישט אנגעזעהן אויפן הארויזאנט.

איז איהם איינגעפאלן א געדאנק וואס חכמינו ז"ל זאגן "**כל המענג את השבת נותנים לו משאלות לבו**", און אויף שב"ק שטייט דאך "**אז תתענג על ה', וקראת לשבת עונג**", לאמיר טון א פעולה פון "**עונג שבת**", מיטן מוסיף זיין א מאכל צו די מאכלי שבת קודש, מרבה זיין בעונג שבת, און דער אייבערשטער וועט אוודאי העלפן מיט "**כל משאלות לבו**".

ר' אברהם יושע האט מוסיף געווען אז מיר ווייסן דאך אז צדיקים האבן א כח אין הימל, און עס איז איינגעפירט ביי אידישע קינדער אז מ'גיט תיקון לע"נ צדיקים, האט ער מחליט געווען אז ער וועט צולייגן א קוגל צו די מאכלי שבת, און זאגן אז דאס זאל זיין לעילו נשמת דעם הייליגן דברי חיים זי"ע, וואס ער פלעגט מידי שבוע בשבוע לערנען דעם ספה"ק אויף די סדרה.

ער האט דערציילט ווי די עצה האט געהאלפן, און גאר אינגיכן האט ער געהאט א גרויסע ישועה, און דער בחור איז א חתן געווארן בשטומ"צ.

## מקורות צו די סגולה

די מסובים ביים טיש האבן מיט התפעלות אויסגעהערט די מעשה, און עס האט זיך געמאכט א שמועס איבער דעם ענין, ווייל למעשה ווערט דאך דאס אין ערגעץ נישט געברענגט, און עס איז נישט ידוע קיין מקור אויף אזא סגולה.

צווישן די צאנזער איניקלעך וואס זענען דארט געווען האט מען געברענגט סמוכין צו די ישועה, לויט די ווערטער וואס דער **דברי חיים** זאגט אין די תורות אויף ר"ה, אויף דעם וואס חכמינו ז"ל האבן געזאגט אז מ'בלאזט נישט מיטן שופר אין שבת ווייל "**שמא יעבירנו**", פרעגן די ספרים עס זענען דאך דא אזויפיל עבודות מיט כוונות און יחודים וואס צדיקים טוען אויף מיט תקיעת שופר, און ווי אזוי איז מעגליך אז די אלע גרויסע פעולות זאלן נישט געטון ווערן ווען ר"ה געפאלט אין שבת?! זאגט דער הייליגער דברי חיים "**שבת מקור הרחמים, והזכות מועיל אפילו בלי צעקה ותפילה**". זעהט מען פון דעם אז דער בעל הילולא אליין האט געזאגט די בחינה פונעם כח פון שב"ק.

עס איז אפילו דערמאנט געווארן אז אין זמירות "**לעטר פתורא**" ווערט געברענגט בשם הגה"ק מקאלשיץ ז"ל אויפן זמר פון "שבת היום" ווי מ'זאגט דעם לשון "**לעבור דרך וגבולים, לעשות היום פעלים, לאכול ולשתות בהילולים**", איז דער מכוין "**לעבור דרך וגבולים**" אז שבת איז אסור צו גיין מרשות לרשות, און דאס איז די סיבה פארוואס מען האט גע'אסר'ט שמא יעבירנו, איי וואס וועט זיין מיט "**לעשות היום פעלים**", מיט די אלע גרויסע אויפטועהן וואס מ'דארף אויפטון מיט תקיעת שופר?! אויף דעם איז די תשובה "**לאכול ולשתות בהילולים**", אז מיטן עסן די סעודות שב"ק קען מען אויפטון פעולות גדולות ונשגבות אזוי ווי מיט תקיעות שופר"...

א צווייטער צאנזער איניקל האט דערציילט די מעשה אז דער הייליגער דברי חיים האט זיך געפירט צו עסן צוויי סארט פיש יעדן שבת, זויערע און זיסע, און די סיבה איז געווען ווייל אין זיינע יונגע יארן איז ער געווען רב אין רודניק, דארט איז נישט געווען קיין טייך, און עס איז נישט געווען מצוי קיין פיש, דעריבער פלעגט מען קויפן פיש און דאס איינזויערן אז עס זאל זיך האלטן א לענגערע צייט. שפעטער ווען ער איז געקומען קיין צאנז איז שוין יא געווען א טייך, און עס איז געווען צו באקומען פרישע פיש, האט ער אבער נישט געוואלט אויפגעבן צו עסן די זויערע פיש זאגנדיג "**מיט א מאכל שבת וויל איך נישט טשעפענען**"...

אזוי האט מען דערציילט א שלל מיט הערליכע ענינים נפלאים וואס האבן געברענגט סמוכין צו באשטעטיגן דעם 'מקור' צו די

ישועה, אפילו דאס ווערט נישט געברענגט במפורש אין די ספרים, אדער עס ווערט נישט ממש געברענגט בשם צדיקים, איז דאס אבער יא מבוסס אויף די דברי צדיקים, און טאקע פונעם הייליגן דברי חיים אליין.

אגב, כ'וויל דא מוסיף זיין אז שפעטער האט מען יא געטראפן שטארקע מקורות פונעם צאנזער רב אליין אויף דעם ענין, איך האב באקומען הערות פון חשוב'ע תלמידי חכמים אז דאס האט א שטארקן מקור.

א. עס איז געווען אמאל ווען דער **ערשטער באבוב'ער רב** ז"ל איז נישט געזונט געווארן און זיינע כוחות האבן איהם פארלאזט, איז זיין מוטער די צדיקת געווארן זייער באזארגט, און זי איז ארייננגעגאנגען צו איהם, און זי האט אים געזאגט אז זי וויל זייער שטארק מקבל זיין אויף זיך א קבלה טובה וואס עס זאל זיין פאר איר רפואה, און זי האט נאר געוואלט אז ער זאל איר זאגן און אנצייגן וועלכע זאך זיי זאל מקבל זיין פאר זיין רפואה.

האט איר דער באבוב'ער רב געענטפערט "וואס קלערסטו? ווילסטו פאסטן תעניתים, ביסטו דאך א טאכטער פונעם הייליגן **רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער** וועלכער האט זייער מקפיד געווען אז מ'זאל נישט פאסטן, האט זי געזאגט "נו, זאג דו מיר עפעס א צווייטע זאך וואס איך זאל מקבל זיין אויף מיר".

האט ער איר געזאגט "**ווייסטו וואס, נעם זיך פאר צו מאכן לכבוד שבת נאך א קוגל**".

וכך הוה, ביז דעמאלטס איז געווען דער מנהג אז מ'האט געמאכט צוויי קוגלעך יעדן שבת, פון דעמאלטס אן איז געווארן דער מנהג אין באבוב צו מאכן דריי קוגלעך, און עס האט נישט לאנג גענומען און דער באבובער רב האט געהאט א רפואה שלימה). (כרם החסידות ג' עמוד קל"ו (שיר המעלות לשלמה, תולדות הרה"ק מהר"ש הראשון מבאבוב).

ב. אין **דרכי חיים ושלום**, ווערט דערציילט איבערן מונקאטשער רב הגה"ק בעל **מנחת אלעזר** זי"ע, "נאך אין די פריערדיגע יארן, ווען דעם רבי'נס מאמע ע"ה איז געווען קראנק מיט א זייער מסוכנ'דיגע מחלה, האט איר באפוילן איר מאן מרן **הדרכי תשובה** אז זי זאל מקבל זיין אויף זיך אז ווען זי וועט געזונט ווערן וועט זי מוסיף זיין נאך א מאכל צו די שבת'דיגע מאכלים, אז זי האט זיך מקבל געווען די קבלה, און פון דעמאלטס האט זי צוגעלייגט יעדן שבת ביים טיש נאך א סארט צוויבל מיט לעבער, און א געפולט העלזל, און די מאכלים זענען שוין פון דעמאלטס אן אויך געבליבן ביים רבי'ן (המנחת אלעזר)".

## ישועה גוררת ישועה...

לאמיר צוריק קומען צו די מעשה.

דער ציבור איז געווען שטארק אויפגעלייגט און דערהויבן, זיצט דארט צווישן אונז א עלטערער בחור פון עליכע און צוואנציג יאר, ער שטאמט פון א גוט חסידי צאנז, און גוטמוטיגט האט מען איהם א זאג געטון "**הערסט וואס מ'רעדט דא?! קומענדיגן שבת, דו קומסט אהיים זאג פאר די מאמע אז זי זאל מאכן נאך א קוגל וועסטו געהאלפן ווערן**"...

דערציילט מיר ווייטער הגה"צ רבי יואל שליט"א:

"עס איז אריבער אנדערטהאלבן וואך פון יענעם שב"ק קדושים תשע"ד, וואס מיר זענען געווען אין צאנז, עס איז ליל שישי פר' בהר... ווען דער טעלעפאן קלונגט ביי מיר אין שטוב, און 'יענער בחור' איז אויפן טעלעפאן, ער לאדנט מיך צום תנאים היינט נאכט...

איך בין אויפגעשפרונגען פון בענקל, נישט גלייבענדיג וואס איך הער, וואס? דו, ווערסט א חתן?!"...

"יא, הער וואס די מעשה איז געווען, איך בין אהיים געקומען און דערציילט מיין מאמע די מעשה, און איך האב איר געבעטן אויב זי קען צולייגן א קוגל צו די מאכלי שבת קודש, זי האט דאס זייער גערן געטון, שב"ק פר' אמור איז אונזער סעודת שב"ק געווען רייכער מיט א קוגל"...

"זונטאג פר' בהר קלונגט א שדכן און ער טראגט אן א שידוך, וואס מ'האט שוין גראדע געהאט אנגעטראגן אין די פארגאנגענהייט אין יענע האבן נישט געוואלט.

מיינע עלטערן האבן דאך געוואוסט אז יענע צד האט נישט געוואלט דעם שידוך ביז איצט, האבן זיי געוואלט וויסן 'מה היום מיומיים', האט יענע צד געזאגט אז זיי האבן א רב מיט וועמען זיי זענען זיך שואל עצה בעניני שידוכים, און נעכטן, מוצאי שב"ק האט זיי דער רב גערופן און געזאגט אז 'שבת נאכמיטאג' האט ער זיך דערמאנט אז אין די פארגאנגענהייט האבן זיי געפרעגט ביי אים אויף א געוויסן בחור, און ער האט זיי אפגערעדט, יעצט כאפט ער זיך אז ער האט זיך טועה געווען און מ'האט נישט גערעדט פונעם ריכטיגן בחור, און יא, אדרבא, ער שטופט זייער דעם שידוך, מ'זאל דאס טוהן ווי פריער"...

"מה אומר ומה אדבר – זאגט דער בחור – **שבת מיטאג האבן מיר געמאכט אן עונג שבת מיטן קוגל, שבת נאכמיטאג האט זיך דער רב געכאפט אז ער האט געמאכט א טעות, מוצאי שבת האט ער געזאגט פאר די אבי המדוברת, זונטאג האט דער שדכן גערופן, און יעצט ליל שישי טוה איך לאדענען צום קישור החיתון..."**. עד כאן.

## א 'לאקשן קוגל' לכבוד שבת

יענעם זומער, הגה"צ רבי יואל שליט"א איז געווען אין "מחנה ישיבה לצעירים", און די מעשה איז דארט ארויסגערינען...

איינער פון די מגידי שיעור אין קעמפ, זעהנדיג א בחור וואס שטייט און ווארט אויף זיין ישועה, ווייל ער האט נאך אן עלטערן ברודער פאר זיך, האט ער איהם צוגערופן און ער האט אים דערציילט די מעשה, און געראטן אז ער זאל דאס איבערגעבן פאר זיין מאמע.

צוויי וואכן שפעטער שטייט אויפן 'לוח המודעות' אז יענער בחור איז א חתן געווארן.

דער מגיד שיעור גייט צו צו יענעם בחור און גיט אים א ווארימען "מזל טוב", זאגט אים דער בחור **"יא, איך האב געוואלט זאגן אז פאריגע וואך האט מיין מאמע אנגעהויבן צו מאכן א לאקשן קוגל לכבוד שבת, און באלד נאכדעם האט זיך אנגעהויבן צו קאכן מיטן שידוך ביז צו איר גליקליכע ענדע למז"ט.**

## 'קניידלעך' צו די זופ

אזוי ווי די מעשה איז געווען אין קעמפ וואו עס זענען דא מערערע משפחות, איז דאס געווארן א מדובר איבעראל, און איינע פון די נשים צדקניות וואס האט דאס געהערט האט זיך געאיילט אנצורופן איר שוועסטער, א חשוב'ע משפחה, וואס האט א בחור וואס וואלט שוין לאנג געקענט שטיין אונטער די חופה, און דערציילט די מעשה.

די שוועסטער הערט די מעשה, און זי טראכט וואס זי קען נאך מוסיף זיין צו די מאכלי שבת, קוגלעך איז שוין דא, די כל מיני 'דיפ'ס' איז א צריך עיון צי דאס איז מוסיף כבוד צו די שבת'דיגע סעודה, עס איז יש דורשין ויש דורשין, האט זי מחליט געווען אז זי וועט צולייגן קניידלעך צו די זופ.

יא, די משפחה האט שוין אויך געטון א הערליכן שידוך מיט זייער בחור.

ולא עוד, נאך עטליכע יארן ווארטן און זיך מוטשענען האט יענעם מוצאי שבת א שדכן אנגערופן מיט א ׳פרישן נאמען׳ וואס קיינער האט נאך ביז יעצט נישט געהאט אנגעטראגן, און דער שידוך האט באלד אנגעהויבן זיך צו רוקן פאראויס, ביזן טעלער ברעכן בשעה טובה ומוצלחת.

## צוגעלייגט פצע״י צו די מאכלי שבת

אינצווישן האט איינער פון די איינגעשטעלטע אין די זעלבע ישיבה געמאכט א שנעלן חשבון איבער איינעם פון זיינע באקאנטע, וואס וואלט געקענט נוצן א גרויסע ישועה בעניני שידוכים, ווען מ׳איז געשטאנען און זיך זייער שווערליך געשטופט, האט ער אויפגעהויבן דעם טעלעפאן און איבערגעגעבן די וואונדערליכע השתלשלות הענינים וואס עס טוט זיך דא, און ער האט מייעץ געווען אז מ׳זאל אויך צולייגן און מוסיף זיין צום עונג שבת, ויראו נפלאות.

די בעלת הבית, א גאר חשוב׳ע משפחה, האט געמאכט א חשבון וואס פארא מאכל עס קען מוסיף זיין כבוד פאר איר שבת טיש, און עס איז מוחלט געווארן אז מ׳וועט צולייגן ׳פיסלעך׳ וואס איז געווען א מאכל וואס צדיקים פלעגן עסן ביים שבת טיש.

יענעם מוצאי שבת זענען צוויי שידוכים ארויף ערענסט אויפן טיש, און מאנטאג אינמיטן טאג איז געווען ׳קול רנה וישועה׳...

איך האב דעמאלטס אפגעשריבן די מעשה און מפרסם געווען ברבים, און עס האט אנגעהויבן צו ׳גיסן׳ הערות מיט הוספות, מיט נאך א ריי וואונדערליכע מופתים מיט ישועות.

כ׳וועל נישט אויפהאלטן די צייט דא מיטן דערציילן נאך מופתים, אבער איין שטארקע נקודה וואס האט מיך בשעתו זייער שטארק איבערגענומען וויל איך דא אויסשמועסן.

## מכבד זיין דעם שבת מיט די שענסטע מלבושים

צווישן די אידן האט מיך גערופן א חשוב׳ער תלמיד חכם, און ער האט מיר געגעבן חומר למחשבה איבער דעם גאנצן ענין.

דער איד האט גע׳טענה׳עט אז די ישועות נפלאות וואס מ׳זעהט, איז לאו דוקא מקושר צו די מאכלי שב״ק, און צום צולייגן א מאכל. נאר, ״**שבת קודש איז דער מקור הברכות**״ כי היא מקור הברכה.

עס שטייט אין פסוק ״**ויברך אלקים את יום השביעי**״ השי״ת האט געבענטשט דעם זיבעטן טאג דעם שבת, שבת איז א געבענשטע טאג, עס פארמאגט אין זיך אלע ברכות ישועות רפואות א.ד.ג. פאר אלע אידן וואס היטן דעם שבת, און זענען מכבד דעם הייליגען טאג שבת.

דער ת״ח האט גע׳טענה׳עט ״אידישע פרויען, נשים צדקניות געבען אוועק זייער אסאך כח און פלאגן זיך מער שעה׳ן ווי דער שבת איז אנצוגרייטן די גאנצע שטוב לכבוד שבת און בעיקר צו קאכן אלע מאכלי שבת קודש, זיי זענען דערמיט מקריב א קרבן, געבן זיי דעם כח פאר די מאכלים זיי אלע זאלן געהייליגט ווערן מיט קדושת השבת און האבן דעם כח משפיע צו זיין סגולות רפואות ישועות ליכטיג צו מאכן איר שטוב און בעיקר פאר איר גאנצע משפחה״.

״אבער, ווען עס קומט צו זיך זעלבסט אז מען דארף זיך אליין דערהייבן צו קענען זוכה זיין געהייליגט צו ווערן מיט די קדושה פון

שבת – וואס די שבת׳דיגע בגדים האבן דעם כח צו הייליגן דעם מענטש – פונקט ווי דער כהן וואס האט געטוהן זיין עבודה אין בית המקדש איז נאר כשר דעמאלטס ווען ער איז אנגעטוהן מיט זיינע בגדי כהונה, ווייל נאר ווען ער איז אנגעטוהן מיט זיינע בגדי כהונה האט ער די קדושה פון כהן, אזוי אויך ווערט דער מענטש געהייליגט שבת נאר דורך זיינע שבת׳דיגע בגדים וועלכע זענען מכבד דעם טאג וואס ציינגן אז מען איז אנגעטוהן אזוי שיין אז מען איז אנגעטוהן אזוי ווי מען גייט צו א שמחה אין די משפחה, וואס ברענגט ארויס אז דער טאג איז א הייליגער טאג״.

ווי מיר זאגן ביי די זמירות ׳**והחלפתי שמלותי לכבוד יום השבת**׳, עס איז א שאד זיך אליינס צו נארן אז אפילו די שענסטע שבת׳דיגע דאסטער איז פונקט אזוי מכבד דעם הייליגן שבת ווי א שבת׳דיגע קלייד.

דער איד האט געזאגט א שארפן אויסדרוק – וואס כ׳וויל נישט איבערזאגן – ״א אידישע פרוי זאגט נאך די שבת׳דיגע סעודה ״**איך גיי מיך אנטוהן צו גיין צו א שבע ברכות, דאס איז חילול שבת**״... וואס הייסט ביי די הייליגע שבת׳דיגע סעודה האט מען נישט די שענסטע בגדים?! אז מ׳דארף זיך גיין אנטוהן לכבוד א שמחה.

יא, מ׳וויל נהנה זיין פון סעודות שבת, מ׳וויל פרנסה, שידוכים, מ׳וויל אלע כוחות וואס שבת קען נאר משפיע זיין, מ׳וויל נהנה זיין פון אלע סגולות וואס די מאכלי שבת קענען משפיע זיין, דארף מען ארויסצייגן אז מ׳איז מכבד דעם שבת און מ׳גרייט זיך אליינס צו אויפן שענסטן אופן, און וויפיל מיר וועלן געבן פארן שבת, אזוי וועט שבת אונז צוריק געבן.

## ״צינדן שבת לעכט״ מיט די שענסטע בגדי שב״ק און תכשיטים

מ׳הערט אידן פרעגן ״**חכמינו ז״ל זאגן הרגיל בנר הוויין לי בנין תלמידי חכמים**״, **ביי מיר אין שטוב צינדט מען יעדן שבת די הייליגע שבת לעכט, און דאך האבן מיר צער גידול בנים, מיר זעהן נישט די תלמידי חכמים וואס די גמרא זאגט צו?! איה הבטחתם?!**

דער תירוץ אויף דעם איז אויך זייער פשוט, ווי אזוי גייט די אידישע מאמע צו צום לעכט צינדן?! אויב איז איר גענוג אנצוטון א דאסטער מיט א פשוט׳ע טיכל צו די הייליגע שבת לעכט, הייסט דאס אז זי באגענוגנט זיך צו מכבד זיין דעם שבת מיט א מינומום – וויניגער ווי זי וואלט ארויסגעגאנגען צו סיי וועלכע מקום צווישן מענטשן – דאן באצאלט דער הייליגער שבת אויך מיט ׳**בנין תלמידי חכמים**׳ מיט א מינומום... אויב וועט זי וויסן אז צו די שבת לעכט גייט מען צו מיט די שענסטע קליידער, מיט אלע תכשיטים, דאן וועט זי בלי ספק זוכה זיין צו האבן קינדער תכשיטים, לעכטיגע בריליאנטן...

כפומא דעבידתא עבידא מטללתא, לויט וויפיל מ׳איז גרייט צו אינוועסטירן, קען מען ארויסנעמען.

רבותי! איך טרוי זיך נישט צו זאגן דא גארנישט אייגנס פון מיר אליין, איך בין נישט בארעכטיגט צו זאגן און אריינצורעדן אין זאכן וואס זענען העכער און מער פון מיר.

איך זאג בלויז איבער וואס כ׳האב געהערט, ווייל דעמאלט בשעת מעשה האב איך זוכה געווען מפרסם צו זיין דאס ענין בכתב, און איך האב אזוי פיל נאכגעהערט, פארשידענע געדאנקען און ענינים איבער דעם כח פון קדושת השבת, עס האט אויף מיר געמאכט זייער א שטארקן רושם און זייער א שטארקע השפעה, און איך האב געקלערט, די איינציגסטע זאך וואס מען קען דא זאגן פאר די אידן, ווען מיר זיצן דא אזוי נאנט צום ציון פון הייליגן צאנזער רב; און עס איז שבת קודש ביי די סעודה; און מיר ווילן עפעס אהיים נעמען, א קבלה טובה.

**לאמיר אינוועסטירן אינעם הייליגן שבת:** אויף סיי וועלכן אופן, זאל זיין אין די מאכלים, זאל זיין אין די לבוש, זאל זיין לבוש האנשים – איבריג צו זאגן אז כבוד שבת מיינט זיצן ביים שבת טיש אנגעטון מיטן שטריימל און בעקיטשע, וויאזוי עס איז באמת א כבוד אויפצונעמען א מלך – און די זעלבע זאך ביי לבושי הנשים.

אז מ'רעדט פערזענליך, מיר זענען דא געווען מיט עטליכע יאר צוריק, שטייענדיג אינעם אוהל פונעם הייליגן **דברי חיים** זי"ע מיין מאמע זאל זיין געזונט, האט דארט אין אוהל אנגערופן אלע אירע דרייצן טעכטער און שנורן בליעה"ר, און אלעמען געפרעגט אויב זי קען זיך נעמען א קבלה טובה אין זייער נאמען, אז לכל הפחות פרייטאג צונאכטס ביים לעכט צינדן וועט מען גיין אנגעטון אינגאנצן אזוי ווי עס פאסט מיט מכובד'יגע קליידער[1].

לסיום דברי וויל איך ווידער ארויסברענגען מיינע טיפע רגשי ברכה, ובכרת 'מזל טוב' פאר'ן רבי'ן שליט"א – אזוי ווי מיר האבן שוין געהערט פון הרה"ג ר' ישעי' לעווי שליט"א, אלס איינער וואס איז אויפגעוואקסן פון קינדוויז אן אין דעם הערליכן הויף – מיר שטייען דעם יעצטיגן שבת פופציג יאר פון ווען דאס בית המדרש איז געעפנט געווארן, שב"ק בהר תשל"ו, בליעה"ר.

איך בין אפשר א יחיד דא וואס האט אזוי ווייניג שייכות מיט'ן בית המדרש, ס'זיצט דא אזא הערליכער, חשוב'ער, געהויבענער ציבור, רובם בני עלי', תלמידים וחסידים וואס זענען דא געוואקסן במשך אלע יארן, אין ביהמ"ד אין ישיבה, עס רעדט פאר זיך צו זען דאס איכות פונעם ציבור דא.

אן עקסטערע קורת רוח איז מיר געווען זיך אביסל נענטער באקענען מיט'ן רבינ'ס שטוב, די קינדער, הרבנים הגאונים שליט"א, די לעכטיגע אייניקלעך, אזא לעכטיגקייט, אזעלכע געהויבענע יונגעלייט, יעדער איז א יחיד במינו.

איך וואלט געוואלט געבן א ברכת הדיוט פאר'ן רבי'ן..

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' חיים אלטר בראך ז"ל, ער האט נאכגעזאגט אז דער רבי ז"ל האט געזאגט, כאטש "**אחכה לו בכל יום שיבוא**", מוז מען אבער אמאל מאכן פלענער, מען מוז אמאל טראכטן פאראויס צו קענען בויען אידישקייט, ביז פערציג יאר פאראויס מעג מען מאכן פלענער, און מען דארף מאכן פלענער, משיח זאל אוודאי פריער קומען.

וויל איך וואונטשן פאר'ן רבי'ן שליט"א און פאר די גאנצע עדה הקדושה "יאריך ימים על ממלכתו", דער אייבערשטער זאל העלפן, פערציג יאר ארום – דער גואל צדק זאל אוודאי פריער דא זיין – זאל דער רבי מיט די גאנצע עדה הקדושה נאכאמאל קומען עס זאל זיין "**ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום**".

דער רבי זאל זיין געזונט און שטארק בבריאות גופא ונהורא מעליא, און קענען אנגיין ווייטער מיט די הנהגת העדה הקדושה. און דער גאנצער ציבור וואס איז דא זאל זיין געזונט און שטארק און פריש, און פועל'ן ישועות, רפואות ונחמות ברוחניות ובגשמיות, ביז מיר וועלן זוכה זיין אלע בקרוב ממש צו גיין קעגן גואל צדק במהרה בימינו אמן.

---

[1] (הוספה: נאך די דרשה האט אונז דערציילט א חשוב'ער יונגערמאן, ממשתתפי הנסיעה, וואס ער האט אליין געהערט פון להבחל"ח **כ"ק אדמו"ר מבית שמואל צבי ד'ספינקא זצ"ל**, עס איז געווען א תקופה וואס זיין רבעצין ע"ה איז שטארק נישט געזונט געווען, און ער האט מזכיר געווען ביי זיין גרויסן טאטן **הרה"ק** ר' **הערשעלע** ז"ל **מספינקא.** האט דער ספינקער רבי ז"ל געהייסן אז זי זאל זיך מקבל זיין **אז יעדן שבת קודש ביים לעכט צינדן וועט זי זיך אנטון מיט די שענסטע בגדים און אנטון אלע אירע צירונגען לכבוד שבת מלכתא**, און זי האט דאן געהאט א רפואה למעלה מדרך הטבע.

דער יונגערמאן דערציילט אז די רביצין איז געווען אזוי נזהר דערין אלע יארן, אפילו מ'איז אמאל ארויסגעפארן אויף א שבת אין די קאנטרי, זיך ארויסגעכאפט, וואס געווענליך נעמען מענטשן נישט מיט דעמאלטס קיין תכשיטים וכדו', פלעגט זי יעדן שבת מיטנעמען אלע צירונגען, עס איז נישט געווען אזא זאך זי זאל דערויף מוותר זיין).